וואס וועט זיין די צוקונפט פון
דעם אלגעמיינעם זשורנאל?

א ווענדונג צו אונזערע לייענער

זייט פיר

Check out our Website
www.algemeiner.com

Algemeiner Journal

ב"ה. יום ו', י"ט אלול ה'תשס"ה.
(ניו יארק זמנים)

סוף זמן קריאת שמע: 9:46
ליכט בענטשן: 6:33
שקיעת החמה: 6:51
מוצאי שבת: 7:30
פרשת כי תבוא

שבת סליחות
(אשכנז)
מ'זאָגט "לדוד ה' אורי"

**לוח פאַר דער וואָך**

**(פרייטיק):**
תהלים יומי: צ-צו.
ג' פרקי תהלים (ע"פ תקנת הבעש"ט בין ר"ח אלול להושנא רבה): נה-נז.
חומש יומי: כי תבא ששי עם פירוש רש"י
תניא יומי: (אגרת הקודש) טז אהובי . . . -248- דף פ'.
**דף היומי:**
בבלי – שבת קמד.

**רמב"ם יומי:**
ג' פרקים ליום: הל' קריאת שמע פרק ג-ד. הל' תפלה וברכת כהנים ... בפרקים אלו. פרק א.
פרק א: הל' כלים פרק יד.
ספר המצוות: מ"ע י. ה.

פתגם פון דער וואָך:
הבעש"ט זאגט: כי תבא אל הארץ ארץ מלשון רצון כמחז"ל למה נקרא שמו ארץ שרצתה לעשות רצון קונה בכדי דו זאלסט צוקומען צום רצון כו', איז דאס דורך דעם והלכת אל המקום גו' לשכון שמו שם. זאלסט זיך מוסר נפש זיין אויף מפרסם זיין אלקות. מיט וואס איז מען מפרסם אלקות? מיט א ברכה און פסוק תהלים

דער
# אלגעמיינער זשורנאל

$1.00 המחיר 5 ש"ח

PERIODICALS POSTAGE PAID AT NEW YORK, N.Y. **Post Office Box 250746, Brooklyn, N.Y. 11225 • Tel. (718) 771-0400 • Fax: (718) 771-0308 • E-mail address: algemeiner@aol.com** © COPYRIGHT ALGEMEINER JOURNAL PUBLISHED WEEKLY

Vol. XXXIII No. 1734 FRIDAY, SEPTEMBER 23, 2005 ב"ה, יום ו', י"ט אלול, ה'תשס"ה **פרייטיק, סעפטעמבער 23, 2005** **16 PAGES** **PRICE ONE DOLLAR**

# 180 וועלטס פירער באַזינגען אריאל שרון

פרעמיער מיניסטער פון ישראל שילדערט די לאנגע היסטאָריע פון כלל ישראל פון "לך לך מארצך" ביז דעם צוים וואָס די אידישע מדינה בויט כדי צו פאַרמיידען דעם פאַלעסטינער טעראָר.

**זאָגט אז אידן פאַרמאגן אָן אייגנאַרטיקן פאַרבונד מיט ארץ ישראל, אבער אַז פאַלעסטינער האָבן אויך אַ רעכט צו אַ זעלבסטשטענדיקן לאנד. – רעכטע פּאָליטיקער אין ישראל דערקלערן שרונ'ס רעדע אַלס "זיין געזעגענונגס רעדע פון ליכוד"**

ספעציעל צום "אלגעמיינעם זשורנאל"
● פון **שלמה שמיר**
און **יעקב בריל**

ישראל זשורנאַליסטן האָבן באַצייכנט אריאל שרונ'ס רעדע אין דער יו.ען. לעצטן דאָנערשטיק אַלס "נאום חייו", די רעדע פון זיין לעבן. אריאל שרון, צום ערשטן מאָל אין זיין היסטאָריע, איז אַנערקענט געוואָרן דורך 180 וועלטס פירער אַלס אַ שטאַטסמאַן פון אַ ריזיקן פאַרנעם, אַלס אַ העלד און אַלס אַ שוחר שלום, אַ זוכער פון שלום.

די 180 פירער פון מדינות איבער דער וועלט וואָס זענען זיך צוזאַמענגעקומען צו דעם יו.ען. גענעראַל אַסעמבלי סאַמעט אין וועלכע עס איז געפייערט געוואָרן דער 60טער יובילעאום פון דער יו.ען, האָבן באַזונגען דעם פרעמיער מיניסטער פון ישראל, און אים אויפגענומען מיט זעלטענע כבוד מלכים.

אין זיין רעדע בעת דעם צוזאַמענפאָר פון די מלוכה-פירער

פאָרזעצונג אויף זייט דריי



אריאל שרון אדרעסירט דעם ריזיקן יו.ען. קאָנפערענץ לעצטן דאָנערשטיק. 180 וועלטס פירער האָבן אויסגעדריקט זייער באַגייסטערונג פון שרונ'ען. ישראל'ס פרעמיער מיניסטער איז אויפגענומען געוואָרן אין דער יו.ען. מיט כבוד מלכים.

# ברודער און שוועסטער באַגעגענען זיך נאָך 80 יאר...

**דער טראַגישער און העראָישער לעבן פון אַ זעלטענע אידענע וועלכע איז שוין איבער די תשעים, און גיט אַכטונג איינע אַליין אויף אויפהיטן די הייליקע אידישע ערטער פון סווינציאַן. - איר מאַן איז אומגעקומען אין דעם סאָוועטישן גולאַג, איר פאַמיליע דורך די דייטשן, און זי איז פאַרשיקט געווארן אויף 10 יאָר. - זי האָט זיך יונגערהייט געלערנט ביי די גרעסטע קענער פון אידישער שפראַך און ליטעראַטור אין ווילנע. - היינט קומען צו איר אידן, געסט פון מרחקים. - ווי אַזוי זי האָט אויסגעזוכט אַ אינגערן האַלבן ברודער אין אַמעריקע וואָס האָט ניט געוואוסט אַז זי עקזיסטירט - אַן איינציקער איד אין שטאָט. ווי מיין פאָטער האט זיך אָפּגעלעבט מיט אירע זכרונות פון אבא לייזער דעם מלמד. -- זי זאָגט: "אָדאָ וועל איך בלייבן!"**

● פון **הירשע=דוד כ"ץ**



בלומע כ"ץ אין סווינציאַן ביי היינטיקן טאָג

ס'גייט צו די ימים טובים, אידן איבער דער וועלט קוקן אַרויס מיט אַ פלאַטערניש אין האַרצן אויף דער עכטער פרייד וואָס ס'ברענגט מיט זיך די זכיה, אַ יום טוב צו פּראַוועון מיט נאָענטע און אייגענע. אונדזער אידישע וועלט טאָר אָבער ניט פאַרגעסן אין די אָ אידן פון "אונדזערע אַמאָליקע מקומות" אין מזרח אייראָפּע ("אין דער אַלטער היים") וואָס האָבן באַשלאָסן, ווי אַ פּרינציפּ, אויסלעבן די יאָרן אָדאָרטן אויפן אָרט, אַוואו ס'האָבן זיך אויסגעלעבט די יאָרן, טאַטע מאַמע, באָבע זיידע און די עלטער זיידעס און עלטער באָבעס פון דור דורות.

ניט זעלטן איז אַזאַ איינער שוין געבליבן דער איינציקער איד – און לכאורה דער לעצטער – אין אַ שטעטל, אַ שטאָט, צי גאָר איבער אַ גאַנצן קרייז רונד אַרום. ס'איז

פאָרזעצונג אויף זייט צען



שמעון וויזענטאל

# נאַצי יעגער שמעון וויזענטאַל געשטאָרבן

**נפטר האָט געבראַכט העכער 1000 נאַציס צו גערעכטיקייט**

● פון **יוסף יצחק יעקבסאהן**

שמעון וויזענטאַל וועלכער האט געווידמעט זיין לעבן נאכצויאָגן נאַצישע קרימינאַלן פון דער צווייטער וועלט מלחמה און זיי ברענגען צו גערעכטיקייט איז געשטאָרבן דעם דינסטיק אין זיין שטוב אין ווין, עסטרייך.

וויזענטאַל איז געווען 96 יאָר אַלט און

פאָרזעצונג אויף זייט דריי

# 'ילד טוב ירושלים'

**קיין ישראל האָט זיך דעם זונטיק צוריקגעקערט לגמרי אַן אַנדערער שרון ווי דער וועמען מיר האָבן געקענט ביז היינט**

● פון **שלמה שמיר**

מיט יארן צוריק, ווען ישראל איז געווען א "תמימות'דיק" לאנד און קארופּאציע צווישן פּאליטיקער איז געווען אַן אויסנאַם און נישט אַ טאָג-טעגלעכער רוטין, האָט מען פּראָדוצירט אין ישראל אַ יאַרמולקע אויף וועלכער ס'זיינען געווען אויסגעשטריקט די ווערטער "ילד טוב ירושלים". ס'איז געווען זייער אַ פּאָפּולערע

פאָרזעצונג אויף זייט פיר

ישראל הויפּט רב צום פּויפּסט:

# די צווייטע וועלט מלחמה האָט זיך אויך אָנגעהייבן מיט פאַרברענען שוהלן

● פון **יעקב שפילמאן**



הרב שלמה עמאר, דער ספרדישער הויפט רב פון ישראל, לינקס, און הרב יונה מעצגער, דער אשכנזער רב הראשי (רעכטס), בעת זייער באגעגעניש מיטן פויפסט לעצטן דאנערשטיק אין רוים

די הויפּט-רבנים פון ישראל, הרב יונה מעצגער און הרב שלמה עמאַר, האָבן זיך לעצטן דאָנערשטיק, סעפּטעמבער 15, געטראָפן מיט'ן פּויפּסט בענעדקיט דעם 16טן, אין זיין זומער-וואוינונג אין "קעסטל גאַנדאַלאָפאָ" אין רוים. זיי האָבן געבעטן אַז דער פּויפּסט זאָל פאַרדאַמען אַנטיסעמיטיזם און דעם פאַלעסטינער טעראָר קעגן ישראל.

אין דער באַגעגעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין אָנבליק פון פערציקסטן יאָר נאָך דער "נאָסטראַ אַטאַ" דעקלעראַציע, אין וועלכער דאָס קריסטנטום האָט באַפרייט דאָס אידישע פאָלק פון דער באַשולדיקונג אַז אידן האָבן געקרייצט און געהאָנגען דעם אותו האיש, האָבן די רבנים גערופן דעם פּויפּסט צו דערקלערן דעם 28טן אָקטאָבער, אין וועלכן די היסטאָרישע דעקלאַראַציע איז

פאָרזעצונג אויף זייט זעקס

# נעקסטן דינסטיק: שטימונג אין ליכוד וואָס קען אַראָפּוואַרפן שרון

נעקסטן דינסטיק וועט דער ליכוד האלטן אן אפשטימונג צווישן אירע מיטגלידער, "חברי מרכז הליכוד", צי מ'זאל באשטימען א פריערדיקן דאטום אויף די פריימעריס אין וועלכע די 200 טויזנט מיטגלידער פון ליכוד פארטיי וועלן באשטימען ווער זאָל אָנפירן מיט דעם ליכוד.

דעם מאנטיק האט אריאל שרון דערקלערט: "איך וועל בלייבן אין ליכוד און איך וועל געווינען". שרון האט אבער נישט געזאגט וואס ער וועט טאן אויב עס וועט באשלאסן ווערן נעקסטן דינסטיק צו מקדים זיין די פריימעריס. וועט זיך שרון אפשיידן פון דער ליכוד און גרינדן זיין אייגענע פארטיי? איז אַ פראגע וואס איז נאך נישט געענטפערט געווארן.

בנימין נתניהו, וועלכער קעמפט צו איבערנעמען שרונען אין דער פירערשאפט פון ליכוד, האט דעם דינסטיק געזאגט אז שרון גרייט צו א פלאן צו צושטערן דער ליכוד אויב די פריימעריס וועלן פארקומען פריער ווי דער באשטימטער צייט.

**חב"ד פון מידטאון מאַנהעטן גייט פייערן ראש השנה אין וואָלדאָרף אַסטאָריע האָטעל.** זייט ניין



רבנים, חזנים און שוהל פּרעזידענטן

**ימים נוראים אַנאָנסן אין ראש השנה נומער**

**"אַלגעמיינעם זשורנאַל"**

אין

**ווי אויך מודעות וועגן**

**שבת תשובה דרשות**

**וועלן אנגענומען ווערן ביז מאָנטיק, סעפטעמבער 26, 4 אזייגער נאכמיטאג**

שיקט אייער פריינט אַ "לשנה טובה"

דורך דעם

**"אַלגעמיינעם זשורנאַל"**

אין רייכן

**ערב ראש השנה נומער**

**ALGEMEINER JOURNAL**
P.O.Box 250746
Brooklyn, New York, 11225
Telephone: (718) 771-0400
Fax Number: (718) 771-0308

## אַן איגרתל פון ווילנע...

# ברודער און שוועסטער

## די אומגלייבלעכע איבערלעבונגען פון די אשת חיל פון סווינציאַן דליטא, בלומע כ"ץ

**שמעון יאַוויטשן האָט מען קורץ נאָכדעם דערשאָסן, און מ'ווייס עד היום ניט וואוהין אויף ג-טס וועלט עס איז זיין געביין צו זוכן. זייער טאָכטער, אַן עופעלע, האָט מען שפּעטער צו דערצויגן אין אַ ספּעציעלער סאָוועטישער שולע פאַר "קינדער פון שונאים פון פאָלק" און מ'האָט דאָרט אָנדערציילט די מיאוסטע שקרים קעגן די פאַרפאַלענע עלטערן.**

פאָרזעצונג פון דער ערשטער זייט

● פון **הירשע=דוד כ"ץ**

שווער איבערגעבן מיט ווערטער די אַלע דערקלערונגען וואָס מיר האָבן געהערט אין גאַנג פון די יאָרן, אַרומפאָרנדיק איבערן גרויסן, וויסטן אידישן עמק הבכא אין ווייסרוסלאַנד, ליטע, לעטלאַנד, אוקראַינע און די אַרומיקע לענדער. נאָר איין טענה חזרט זיך איבער ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל, כדלהלן: "טאָ ווער'ט אַכטונג געבן אויפן אַלטן אידישן בית עלמין אַז איך וועל אַוועקפאָרן? ווער'ט היטן דעם דענקמאָל דאָרטן וואו מ'האָט אויסגעשאָסן דאָ די אידן? ווער וועט זאָגן נאָך זיי קדיש? און ווער וועט דאָ וויסן צו ווייזן, פאַר אידן פון אַמעריקע צי פון ארץ ישראל צי אַנדערש וואו, וואו עס זיינען אַמאָל געשטאַנען די שוהלן, די בתי מדרשים מיט די קלויזן און קלייזלעך? די מאָדערנע אידישע שול און די מאָדערנע העברעאישע שול? ווער ס'זיינען געווען די פּערזענלעכקייטן פאַרן קריג? אויף ווי לאַנג דער אייבערשטער גיט מיר יאָרן און כוחות, איז דאָס מיין שליחות..."

א ין קיין שום שטאָט האָבן מיט ניט געטראָפן אַזאַ געלערנטן מענטשן, סיי אין אידישקייט סיי אין דער אידיש ליטעראַרישער וועלט פון אַמאָל, ווי "אונדזער בלומקע, די קענערקע פון סווינציאַן", ווי מ'רופט איר אין ווילנע צווישן די אידן, מיט גרויס ליבשאַפט. הייסן הייסט זי: בלומע כ"ץ. לויטן "שלא שנו את שמם" האָט זי זיך קיינמאָל ניט געלאָזן פאַרדרייען אַ קאָפּ, אַז אָפיציעל, "פאַר לייטן", דאַרף זי עס איבערמאַכן אויף "בעלאַ" צי עפּעס אַנדערש, אַפילו אין די ערגסטע יאָרן אונטער סטאַלינס רשעותדיקער הערשאַפט.



בלומע כ"ץ יונגערהייט

ווער איז דען בלומע כ"ץ? זי איז אַ פרוי וואָס האַלט אין צוויי און ניינציקסטן יאָר – עד מאה ועשרים שנה – און דער קאָפּ איז ביי איר שאַרף ווי אַ חלף. פו טאַטנס צד שטאַמט זי פון דור דורות סווינציאַנער, פון מאַמעס צד פון אַ שטעטל גאַוויקען, ניט ווייט. דער קול איז ביי איר ווי פון אַ פאַרצייטיקער רביצין וואָס ווייס אַזויפל אַז אין מערסטע פאַלן קען זי אַליין אַלצדינג פאַרענטפערן.

אַלס קליינע מיידעלע האָט בלומע כ"ץ זיך געלערנט ביים מלמד ר' אבא לייזער אַבראַמסאָן, וועלכער האָט געלערנט חומש מיט רש"י און משניות, און איז געווען אויך דער רבי אין מיידלשן חדר. צום גמרא מלמד ר' יאַנקל דוד יאַוויטש האָט זי ניט געקענט צוקומען, פאַרשטייט זיך, נאָר מיט אַ סך יאָר שפּעטער האָט זי גאָר חתונה געהאַט מיט זיין אייניקל, שמעון יאַוויטש (מער וועגן דעם אַ ביסעלע שפּעטער).

דערנאָך איז זי אַוועק לערנען אויך אין דער נייער אידישער שול וואָס האָט זיך געעפנט אין שטאָט; די פאַרוואַלטערין פון דער שול, פרוי דבורה פישער, האָט תיכף דערזען אַז מ'האָט צו טאָן מיט אַן אויסערגעוויינלעך באַגאַבטער מיידל און אונטער אירע פליגל איז בלומע געוואָרן די שטערנטע צווישן די שילער. יונגערהייט איז בלומע אַוועק אין ווילנע לערנען אין "אידישן לערער סעמינאַר" ביי דעם גרויסן פילאָלאָג און "ייוואָ" גרינדער, מאַקס וויינרייך; ביים פּאָעט און דערציער משה קולבאַק. ווען די פּוילישע מאַכט האָט אין 1932 פאַרמאַכט דעם לערער סעמינאַר האָט זי זיך נאָך אַ געוויסער צייט זיך אומגעקערט אין סווינציאַן און גענומען לערנען מיט קינדער.

דאָס איז אָבער אַלץ שיער ניט "אַ ביאָגראַפיע פון אַן ענציקלאָפּעדיע", ווי אַ סך אַנדערע פון יענעם אָרט און יענער צייט. אינדעראמתן איז דער לעבנסוועג פון בלומע כ"ץ אַזוי אומגלייבלעך, אַזוי יוצא דופנדיק, אַז ס'דאַכט זיך אַז ס'איז אַלצדינג פון די "מעשיות פון טויזנט איין טעג" (לאָמיר בעסער ריידן פון טעג איידער נעכט ביי אַזעלכע טייערע אידן ווי אונדזער בלומע).

אַלעמערשטנס איז אָבער נייטיק זאָגן כאָטש אַ פּאָר ווערטער וועגן דער אַמאָליקער עיר ואם בישראל הי"ד, – סווינציאַן.

ה יסטאָריקער האַלטן אַז אין סווינציאַן (אַ 47 מייל צו צפון מזרח פון ווילנע) האָבן זיך גענומען באַזעצן אַ סך אידן שוין מיט העכער פינף הונדערט יאָר צוריק. די שטאָט איז בכלל אויפגעקומען צוליבן פּאַלאַץ ניט ווייט פון דער משפחה פּוילישע גראַפן וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען: פּאָטאָצקי (טאַקע פון אָט די פּאָטאָצקיס איז אַרויס דער באַוואוסטער ווילנער גר צדק, גראַף וואַלענטין פּאָטאָצקי, נאָר וועגן אים וועט אם-ירצה-השם גיין די רייד אין אַן אַנדער "איגרתל").

אין די ערשטע יאָרן פונעם מחלוקת צווישן חסידים און מתנגדים אין דער ליטע איז סווינציאַן געווען דער צענטער פון די ערגסטע ויתרוצצוס. נאָר שפּעטער צו האָבן אַלע געלעבט דורות לאַנג בשלום. אין ניינצעטן יאָרהונדערט איז די ווייט גרעסטע מערהייט געווען מתנגדיש, נאָר ס'האָבן מיט זיי רואיקערהייט מיטגעלעבט גאַנצע דריי חסידישע מנינים: "די קאָפּוסטער", די "ליאַדער" און די "ליובאַוויטשער" (די לעצטע צוויי האָבן זיך טאַקע לאַנג געהאַלטן באַזונדער, נאָר דאָס איז אַ מעשה פאַר זיך; וויכטיק איז אָט וואָס, וואָס דער אַלטער רבי, ר' שניאור זלמן האָט אַליין מיסד געווען חסידות דאָ אין די 1770ער יאָרן). די צוויי גרויסע געמויערטע מתנגדישע שוהלן האָבן זיך גערופן "דער אַלטער בית מדרש" און "דער נייער בית מדרש" (אַ סברא אַז אויך דער "נייער" איז שיינע עטלעכע הונדערט יאָר געשטאַנען).



בלומע כ"ץ האַלט אַ לעקציע אויף אידיש אין ווילנער אוניווערסיטעט

דאָ איז אַן ערך זעכצן יאָר (פון 1869) געווען שטאָט רב ר' יצחק יעקב ריינעס (1839 - 1915), אַ מיסד פון "מזרחי". וואָס אַן אמת: די שטרענג פרומע שטאָט, מתנגדים און חסידים אינאיינעם, האָט זיך אַקעגנגעשטעלט זיין שיטה פון אַריינפירן סעקולערע לימודים אין זיין נייער ישיבה, און ער איז אַוועק דערנאָכדעם, אינאיינעם מיט זיין ישיבה, אויף דרום קיין לידע.

אין דער געשיכטע פון די מאָדערנע סעקולערע באַוועגונגען האָט סווינציאַן אויך באַוויזן איר גבורה. היסטאָריקער פון ציוניזם ווייסן, אַז אברהם סאָלאָמיאַק איז געווען אַ פירנדיקע פּערזענלעכקייט אין דער ערשטער עליה, ער איז געווען אַ מיטגרינדער פון גדרה. ביי היסטאָריקער פון אידישן סאָציאַליזם ווייס מען זייער גוט, אַז אין סווינציאַן איז געבאָרן געוואָרן דער "פאָטער פונעם אידישן אַרבעטער בונד", אַרקאַדי קרעמער (1865-1935). אין באַוועגונג פון די "רעקאָנסטורציאָניסטן" אין אַמעריקע איז באַקאַנט אַז דער גרינדער ביי זיי, מרדכי קאַפּלאַן (1881 - 1983) איז געווען אַ סווינציאַנער. אין דער קונסט, איז געוואָרן באַרימט דער מאָלער מאיר מאַצקין וועלכער איז געבאָרן געוואָרן אין סווינציאַן אין 1881.

סווינציאַן (וואָס איז היינט "שווענטשיאָניס" אין ליטע), רופט זיך אויך ביי אידן "אַלטסווינציאַן" צי "גרויס סווינציאַן", פון זינט דער צייט אין ניינצנטן יאָרהונדערט ווען ס'איז אויפגעקומען אַ ניי שטעטל אַ צען וויאָרסט צו מערב צו: נייסווינציאַן, וואָס אידן האָבן אויף אַ היימישן אופן גערופן: סווינציאַנקע. וואָס אַן אמת, איז סווינציאַנקע אויפגעקומען צוליב אַ איד אַ גביר וואָס האָט "אָרגאַניזירט" אַז די נייע אייזנבאַן ליניע זאָל אַדורך זיינע נחלאות אין וואַלד, און ניט דורך דער שטאָט סווינציאַן.

פאַרן חורבן, האָבן געלעבט אַן ערך פיר טויזנט אידן אין סווינציאַן. דאָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַרום אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג פון שטאָט. אָפּטמאָל זיינען אידן געווען אַ סך מער ווי אַ העלפט, נאָר די מאַכט האָט ניט געוואָלט קיין אידישע מערהייט, האָט מען (דעם קונץ ווייס מען פון אַ סך שטעט), "צוגעטשעפּעט" וואָס מער פון די אַרומיקע קריסטלעכע דערפער צום "תחום העיר" בכדי צו פאַרקלענערן דעם פּראָצענט אידן.

אויפן אָפיציעלן וועבזייטל פון דער שטאָט אויפן אינטערנעט גיט איבער דער ראש העיר די געשיכטע פון שטאָט (אויף ליטוויש און ענגליש), ניט דערמאָנענדיק מיט קיין איין וואָרט אויכעט ניט די אידישע באַפעלקערונג וואָס האָט דאָרטן הונדערטער יאָרן געלעבט.

און היינט לעבט אין סווינציאַן אַן איינאיינציקער סווינציאַן געבאָרענער איד, די טייערע בלומע, מיט וועמען מיר האָבן זיך באַקענט.

איז פרעגט זיך: מיט וואָס איז איר לעבנסוועג אַזוי איבערראַשנדיק?

ג עבאָרן געוואָרן איז בלומע אין 1913טן יאָר. נאָר קיין טאַטן האָט זי קיינמאָל ניט געקענט ווייל דער טאַטע איז אין יענער צייט אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. דאָרטן, אין דער "טריפהנער מדינה" האָט ער, פאַר קיינעם ניט געדאַכט, אַזוי צו זאָגן, "פאַרגעסן" אַז ער האָט אין דער אַלטער היים איבערגעלאָזן אַ ווייב מיט צוויי קינדער, בלומע'ן מיט איר עלטערן ברודערל אליקום (וואָס איז אינגלווייז אומגעקומען פון הונגער בעת דער ערשטער וועלט מלחמה). מיט אַ סך יאָר שפּעטער האָט דער טאַטע אירער נאָכאַמאָל חתונה געהאַט און מיט אַ סך יאָר שפּעטער, אין 1937, איז זיי געבאָרן געוואָרן אַ זון אין אַמעריקע. ער האָט זיין זון ניט אויסדערציילט קיין וואָרט אַז ביי אים איז אַמאָל געווען אַ ווייב מיט צוויי קינדער דאָרטן אין "יוראָפּ"...

בלומע האָט זיך יוגנערהייט פאַרליבט און געוואָרן אַ כלה פאַר אַ בחור אַ פּראַכט, שמעון יאַוויטש, אַן אייניקל פון גמרא מלמד יאַנקל דוד יאַוויטש (אגב פון דער משפּחה פון ר יעקב עמדין ז"ל, דער יעב"ץ (ראשי=תיבות: יעקב בן צבי), פון וואַנעט ס'האָט זיך גענומען יאַוויץ, יאַוויטש, און אין אַמעריקע "דזשעוויטס"). שמעון איז אויך געווען אַ סטודענט אין אידישן לערער סעמינאַר אין ווילנע, און ווען די פּוילישע מאַכט האָט עס צוגעמאַכט אין 1932 איז מען געבליבן פאַרצווייפלט און אומעדיק. חתן-כלה האָבן גענומען גלייבן די ראַדיאָ טראַנסמיסיעס "פון דאָרטן", פון סאָוועטישן רוסלאַנד, אַז ביי זיי איז דאָ פרייהייט פאַר אַלע פעלקער, און מ'דיסקרימינירט קיינעם ניט. האָט מען יונגערהייט, נאַאיוועראַייט, באַשלאָסן פּרובירן. פריער האָט שמעון געגנבעט דעם גרעניץ און שפּעטער בלומע.

בלומע איז אַריבער דעם גרעניץ אין 1935. בלומע און שמעון האָבן חתונה געהאַט און האָבן זיך באַזעצט אין אין מאַגניטאָגאָרסק, וואו זיי איז געבאָרן אַ מיידעלע, לוציאַ, מיט אַ יאָר שפּעטער.

אין 1937 איז סטאַלינס רעגירונג אַריינגעפאַלן אין היסטעריע וועגן "קאָנטראַרעוואָלוציאָנערן" בכלל, רחמנא לצלן, און כלומרשטע "פּוילישע שפּיאָנען" בפרט. עס איז יענע יאָרן ביי אידן אויסגעוואַקסן אַ שוואַרצער וויץ: קומט אַ איד, וואָס האָט אַלצדיגג איבערגעלאָזן אין פּוילן און מעלדעט זיך ביי דער סאָוועטישער פּאָליציי, זאָגנדיק: "איך בין דאָ געקומען סטראָיען (בויען) דעם סאָציאַליזם!" נעמט מען און מ'שיסט גלייך אויפן אָרט אַוועק דעם "שפּיאָן"...

שפּעט ביינאַכט, דעם 28טן אָקטאָבער 1937 האָט מען אַרעסטערט שמעון יאַוויטשן. זיין יונגער פרוי, בלומע'ן, האָט עס געדויערט אַביסל צייט אויסגעפינען וואו ער געפינט זיך. געוואָר געוואָרן וואו ס'געפינט זיך די טורמע, דעם 12טן נאָוועמבער, איז זי גלייך אַוועק זאָגן דעם דירעקטאָר פון טורמע אַז דאָס באַגייט מען אַ שרעקלעכן טעות, ער איז אַן ערלעכער מענטש, ניט קיין "פּוילישער שפּיאָן". נאָכן אויסוואַרטן אומזיסט אַ מעת-לעת איז בלומע אַוועק שלאָפן אַ פּאָר שעה אין דער היים. אין זכות פון איר באַמיאונג צו קומען צו הילף דעם אומשולדיקן מאַן אירן, האָט מען אי ר אַליין פאַרשפּאַרט אין תפיסה און איר טעכטערל אויף אייביק צוגענומען.

שמעון יאַוויטשן האָט מען קורץ נאָכדעם דערשאָסן, און מ'ווייס עד היום ניט וואוהין אויף ג-טס וועלט עס איז זיין געביין צו זוכן. "מיין ערשטע ליבע און דעם אמת געזאָגט, מיין לעצטע ליבע", זאָגט בלומע ביי היינטיקן טאָג. און בלומע'ן האָט מען פאַרשיקט אויף צען יאָר מוראדיק שווערע אַרבעט, האַקן וועלדער אין אַ שקלאַפן לאַגער פאַר פרויען "אויף קאַלימאַ", אַזוי ווייט צפון מזרחדיק אַז ס'איז גאָרניט ווייט פון אַלאַסקאַ.

און זייער טאָכטער, אַן עופעלע, האָט מען שפּעטער צו דערצויגן אין אַ ספּעציעלער סאָוועטישער שולע פאַר "קינדער פון שונאים פון פאָלק" און מ'האָט דאָרט אָנדערציילט די מיאוסטע שקרים קעגן די פאַרפאַלענע עלטערן.

נאָך די צען יאָר שווערע אַרבעט אין סיביר, האָט מען בלומע'ן מכבד געווען מיט נאָך צוויי יאָר "אָפענע אַרבעט", וואו זי האָט באַקענט סוף פערציקער יאָרן איר צווייטן מאַן, קלמן סעגאַלאָוויטש, אַ ווילנער איד, ע"ה. ער איז נפטר געוואָרן אין 2001.

נאָך די צוועלף יאָר האָט זיך בלומע אומגעקערט אַהיים אין סווינציאַן. זי איז גיך געוואָר געוואָרן אַז די ליבע מאַמע אירע, פרומע, האָט מען אויסדערשאָסן אַרום יום כיפור 1941 אויפן גרויזאַמען מאַסן קבר וואָס שטייט ביי נייסווינציאַן. דאָרטן האָט מען אַן ערך אַכט טויזנט אידן פון דער גאַנצער געגנט אויסגעשאָסן נאָך אַ צאָל טעג פון אוממענטשלעכע אויסמוטשונגען. דירעגירט דעם גענאָציד האָבן די דייטשן, נאָר כמעט אַלע שיסער און אויספירער פון די שחיטות זיינען געווען ענטוזיאַסטישע לאָקאַלע נאַציאָנאַליסטן.

בלומע איז אַוועק לערנען אויף קראַנקנשוועסטער און איז געוואָרן פון די באַליבטסטע קראַנקנשוועסטער אין שטאָט. און היינט, ווען זי גייט אַרומעט אויף דער גאַס, באַגריסט זיך מיט



סווינציאַן אַמאָל

# באַגעגענען זיך נאָך 80 יאָר...

יעדער איינער אין גאַס. ווער קען דאָס ניט בלומע'ן?

העכער פערציק יאָר האָט בלומע אָפּגעלעבט אין סווינציאַן פונעם אומקערן זיך פון לאַגער נאָך די צוועלף שקלאַפֿןאַרבעט יאָר, ביזן ענדגילטיקן אונטערגאַנג פון סאָוועטנפאַרבאַנד אין 1991.

ווי אַזוי קוקט אויף דעם בלומע? "ערשטנס", זאָגט זי מיט איר טיפֿן בר-סמכאדיקן (בת-סמכאדיקן?) קול, "דאַרף מען משיג זיין אַז די געשיכטע פון אייראָפּע אין צוואַנציקסטן יאָרהונערט איז געווען אַ משוגעים הויז. דורך דעם וואָס סטאַלינס הענקער האָבן מיר צוועלף יאָר געמוטשעט, האָבן זיי מיר פּאַקטיש אָפּגעראַטעוועט. ווען איך בלייב דאָ וואָלט איך זיכער אומגעקומען אינאיינעם מיט דער מאַמען, און אין געוויסע שטימונגען דאַכט זיך מיר, אַז אַזוי וואָלט באַדאַרפט צו זיין".

און צווייטנס, טוט אַ קוק, ס'איז דאָ אויף דער וועלט אַ ג-ט. איצטער האָב איך ווי דער רבי פלעגט זאָגן "אַ ראיה דערצו": קורץ נאָכדעם ווי ס'האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן דער סאָוועטנפאַרבאַנד, און מ'האָט גענומען בויען אַ לאַנד וואָס זאָל קענען אַריין צווישן די פעלקער פון מערב אייראָפּע, איז מיר געוואָרן אַכציק יאָר. צו די שמונים קען מען קיין סך טענות צום רבונו של עולם ניט האָבן, נאָר וואָס? איך האָב געפילט אַז עס קומען צו צו מיר, נייע גוטע יאָרן, וואָס ס'שענקט ג-ט אויף גוטצומאַכן די פאַרלאָרענע יוגנט, די צוועלף יאָר אין סיביר, די אַלע יסורים..."



מרדכי קאפלאן

עס גייען אַוועק עטלעכע רגעס פון שטילשווייגעניש און בלומע איז ממשיך:

"אָבער סתם לעבן איז ניט קיין עסק. מיין שליחות דאָ איז צו טאָן דאָס וואָס איך קען אויף צו היטן די הייליקע ערטער, וואו עס זיינען געשטאַנען די שוהלן, צו היטן דעם בית עולם און אָפּצומערקן די אַלע ערטער פון מאַסן מאָרד".

שוין אַ סך יאָר וואָס בלומע זוכט אויס צווישן די קריסטן לעבעדיקע עדות צו די אויסשיסונגען פון סווינציאַנער אידנטום. אין צוגאָב צום גרויסן מאַסן קבר לעבן נייסווינציאַן, האָט בלומע געפונען עדות אויף נאָך צען ערטער וואו פאַרשיידענע גרופּעס אידן האָט מען אויסגעשאָסן און באַגראָבן אין אַ גרוב. אויף יעדן אָרט שטייט היינט אַ שטיין, עס זאָל זיין וואו קדיש צו זאָגן. אַדאַנק בלומע'ן האָט מען אויפגעהערט צעשטערן דעם אַלטן אידישן בית עולם און ס'קומען קינדער פון די שולן אַלע יאָר עס ריייניקן. אַדאַנק בלומע'ס באַמיאונגען שטייט אַ שטיין צום אָנדענק פון דעם "אַלטן בית מדרש" און דעם "נייעם בית מדרש".

און אחרון אחרון, שוין יאָרן וואָס אַלערלייאיקע אידן פון אַלע עקן וועלט קומען אויף קבר אבות, זוכנדיק די משפחה שרשים אין סווינציאַן און סווינציאַנער געגנט, און א י י ן בלומע כ"ץ, איר צו לאַנגע געזונטע יאָר, ווייס אַלצדינג צו ווייזן.

און טאַקע צווישן די אידן וואָס זיינען צו איר אַריינגעפאַלן זוכנדיק דעם שורש, האָב איך אַליין געהאַט די זכיה "אַריינצופאַלן צו בלומע'ן". ומעשה שהיה כך היה:

מיט קאַרגע פופצן יאָר צוריק, פאַר חנוכה צייט אין 1990 בין איך אָנגעקומען אין סווינציאַן, וואו עס איז געבאָרן געוואָרן מיין טאַטע, דער אידישער פּאָעט מעינקע קאַץ (1991-1906). איך בין געקומען מיט אַ גאַנצער ריי פראַגעס: וואו איז געווען "פּאָשמענער גאַס"? וואו איז געווען דער אַלטער בית עולם? צי געדענקט איימיצער אבא לייזער דעם מלמד? יאַנקל דוד דעם גמרא מלמד? דעם בעטלער חיים מאיר דער סווירער? און אַזוי נאָך אַ סך פראַגעס. געפונען בלומע'ן! דער איינציקער מענטש וואָס ווייס די אַלע ענטפערס.

די גרעסטע פרייד האָט עס דעם טאַטן דאַמאָלסט געבראַכט ווען אין זיין וואַלד הויז אין די וועלדער צו צפון פון ניו יאָרק, האָב איך אים געבראַכט אַלצדינג וואָס בלומע כ"ץ האָט דערציילט און געוויזן, ווי אויך אַ ווידעאָ. נאָך פּסח תשנ"א, האָבן מיר אינאיינעט טעלעפאָנירט קיין סווינציאַן, וואו מיר האָבן פריער געמיינט אַז ס'איז לאַנג שוין ניטאָ קיין אידן. דעם טאַטן, מעינקע'ן, איז דאָס געווען אַ מין נס, אַז ער רעדט מיט אַ פרוי אין סווינציאַן וואָס האָט זיך קינדוווייז געלערנט, פּונקט ווי ער, ביי אבא לייזער דעם מלמד, אַז ער טעלעפאָנירט קיין סווינציאַן, אַ זיבעציק יאָר נאָכדעם ווי ער האָט אַליין אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע.

די לעצטע יאָרן איז בלומע אַ באַליבטע וועגווייזערין פאַר סטודענטן פון אידיש. מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָט זי ביי אונדז אויפן ווילנער אוניווערסיטעט געעפנט דעם נייעם אידישן קורס פאַר לערער, פינף און זיבעציק יאָר נאָכדעם ווי זי איז אַליין געווען אַ תלמידה אין אידישן לערער סעמינאַר.

ביי יענער ערשטער באַגעגעניש האָט ביי מיר בלומע געבעטן אַזאַ מין טובה: ניט מער און ניט ווייניקער, צי איך קען אויסזוכן איר האַלבן ברודער ערגעץ אין אַמעריקע. מיט אַ האַלבן מויל האָב איך געזאָגט, אַז איך וועל פּרובירן; "מיט אַ האַלבן מויל" ווייל כ"ץ איז ניט קיין זעלטענער נאָמען; דער טאַטע אירער איז אַוועק פון סווינציאַן ערגעץ אין 1913 אָדער 1914. וואו וועל איך גיין זוכן אַזעלכע נעכטיקע טעג? און איר איז דאָס פאַרשטענדלעך אַן ענין וואָס שטייט ברומו של עולם: נאָך אַלע שחיטות און נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט נאָך דער מלחמה, דאַרף לעבן איר האַלבער ברודער, אַ לייבלעכער זון פון איר טאַטן, וועמען זי האָט קיינמאָל פאַר די אויגן ניט געזען...

איך האָב געטראַכט צו שטעלן אַן אַנאָנס אין עטלעכע אידישע צייטונגען, און איך האָב געקלערט, אַז נאָך דעם וועל איך דער טייערער בלומע'ן מודיע זיין אַז ס'איז ניט געלונגען. (אויף אַזויפיל האָב איך געהאַט אַ טרוקענעם ליטוואַקס "בטחון" אין דער זאַך...)

נאָר גיי ווייס. איך האָב אַוועקגעשיקט אַ בריוו אין "האַיאַס", די גרויסע אידישע אָרגאַניזאַציע וואָס העלפט אידישע אימיגראַנטן און זוכט קרובים, און געגעבן די משפּחה פּרטים וואָס איך האָב פאַרשריבן זייענדיק ביי בלומע'ן אין איר קליינינקער סווינציאַנער דירהלע, וואו זי לעבט עד היום.

נסים ונפלאות. ס'איז ניט אַוועק קיין צוויי וואָכן און אין אָקספאָרד, ענגלאַנד, וואו איך האָב יענע יאָרן געלערנט און געאַרבעט, איז אָנגעקומען אַן ענטפער פון "האַיאַס". אין בריוו איז געשטאַנען: "מיר האָבן געפונען דעם זון פון יענעם אידן וועמענס פּרטים איר האָט אונדז געגעבן. אָט איז זיין אַדרעס און טעלעפאָן. נאָר מיר בעטן אייך, איר זאָלט זיך אויפפירן זייער איידל און סענסיטיוו. מיר ווייסן גאָרניט צי ער ווייס אַז זיין טאַטע איז נאָך געווען חתונה געהאַט און געהאַט איבערגעלאָזן קינדער אין אייראָפּע".

איך האָב גלייך אויפגעהויבן דעם טרייבל און טעלעפאָנירט אָטאָ דעם איד אין אַ געוויסער שטאָט אין אַמעריקע. איך האָב אים איבערגעגעבן מיט גרויס פרייד אַז זיינע אַ האַלבע שוועסטער, אַ סך עלטער פון אים, לעבט אין סווינציאַן, אין ליטע!"

דער איד איז געוואָרן זייער ברוגז, גענומען שרייען אַז ער האָט ניט קיין שוועסטער און עמיצער וויל ביי אים מסתמא עפּעס אויסנאַרן. און ער האָט אַוועקגעלייגט דעם טרייבל.

מיט אַ וואָך שפּעטער, האָב איך זיך אָנגענומען מוט און אים ווידער טעלעפאָנירט. איך האָב אים געזאָגט: "איידער איר לייגט אַוועק דעם טרייבל, הערט מיר נאָר אויס אַ מינוט. איך בין אַ לערער אין אָקספאָרדער אוניווערסיטעט און איך האָב ניט קיין שום פּניות. דערלויבט מיר אייך שיקן אַ בילד פון דער פרוי, יונגערהייט און היינט צו טאָג, און איר'ט אפשר זען צי עס דאָ אַוועלכע ניט איז משפּחה ענלעכקייט".

"איך וויל ניט קיין בילדער!" און ער האָט נאָכאַמאָל אַוועקגעלייגט דעם טרייבל.

איך האָב געזען אַז ס'האַלט "ניט גוט". מיט נסים גלייך געפונען איר האַלבן ברודער, מיינט ער אַז עפּעס אַ שאַרלאַטאַן האָט אים פאַרטשעפּעט מיט אַ ווילדער מעשה. איך האָב גענומען טראַכטן, אַז מ'קען צו אים די קלענסטע טענה ניט האָבן, חלילה! ווי אַזוי וואָלט איך זיך אָפּגערופן ווען אַ שטאָק פרעמדער מענטש וואָלט מיר טעלעפאָנירט און געגעבן די "בשורה" אַז איך האָב ערגיץ אין האָצעפּלאָץ אַ האַלבן ברודער וואָס מיינע עלטערן האָבן וועגן דעם קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט? איך וואָלט געטראַכט, אַז דאָס איז אָדער אַ משוגענער אָדער אַ שאַרלאַטאַן און אפשר אַפילו, רחמנא לצלן, דיביידע זאַכן אינאיינעם. לאחר המעשה האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס איך הייס צופעליק אויך כ"ץ האָט דעם אידן נאָך מער פאַרמישט.

איז וואָס זשע טוט מען?

איך האָב טעלעפאָנירט בלומע'ן אין סווינציאַן און איר געזאָגט אַז זי מוז זיך דערמאָנען מער משפּחה פּרטים (ניט זאָגנדיק מער ווי דאָס).

נאָר די קלוגע בלומע האָט זיך אַפּנים גלייך געכאַפּט. זאָגט זי מיר:

"הער אויס! זאָג אים אַז מיין ברודערל וואָס איז אינגלווייז געשטאָרבן פון הונגער אין די יאָרן פון ערשטן קריג האָט געהייסן אליקום און דאָס האָט דער טאַטע אַ נאָמען געגעבן נאָך זיין טאַטן. ווער ווייס, אפשר האָט ער עפּעס וואָס געטאָן אין אַמעריקע צום אָנדעק פון זיין טאַטן, אליקום?"

האָב איך ווידער געקלונגען דעם אַמעריקאַנער אידן, אים געזאָגט אַז זיין טאַטנס בכור אין אייראָפּע האָט געהייסן אליקום.

"אליקום?!" טוט ער אַ שריי אין טעלעפאָן! דאָס איז מיין העברעאישער נאָמען! פון וואַנעט ווייסט איר דאָס? אליקום! הערט זיך איין, זייט ניט אין כעס וואָס מיר קלינגט עס אַלץ ווילד. טוט מיר אַ טובה, און שיקט מיר אַ בילד פון דער פרוי, יונגערהייט און ווי זי זעט אויס איצטער." (זיין ענגלישער נאָמען איז געווינלעך געווען אינגאַנצן אַנדערש.)

"נאָך היינט!" האָב איך אים געענטפערט מיט גרויס פרייד.

דערלעבט יאָרן, אַ וואָך שפּעטער קלינגט ער שוין אָנעט צו מיר! "די פרוי איז זייער ענלעך אויפן טאַטן! ס'איז אַלץ אמת! איך האָב אויך אויסגעזוכט אַן אַלטן שוועסטער קינד וואָס האָט געוואוסט דערפון און ער האָט מיר מודה געווען אַז ער האָט געוואוסט דעם סוד אין דער משפּחה, געוואוסט אַז מ'טאָר פאַר מיר ניט ריידן דערוועגן".

דער איד – בלומע'ס ברודער – האָט איר געשיקט אַ בילעט און זי איז אין 1992 געפאָרן צום ערשטן מאָל אין אַמעריקע באַקענען זיך מיט איר אינגערן ברודער וואָס האָט זיינע אַלע יאָרן ניט געוואוסט אַז זי איז דאָ אויף דער וועלט.

די טרערן וואָס האָבן זיך געגאָסן, פרעגט ניט.



בלומע כ"ץ אין ווילנער אוניווערסיטעט

"אליקום?!" טוט ער אַ שריי אין טעלעפאָן! דאָס איז מיין העברעאישער נאָמען! פון וואַנעט ווייסט איר דאָס? אליקום! הערט זיך איין, זייט ניט אין כעס וואָס מיר קלינגט עס אַלץ ווילד. טוט מיר אַ טובה, און שיקט מיר אַ בילד פון דער פרוי, יונגערהייט און ווי זי זעט אויס איצטער." (זיין ענגלישער נאָמען איז געווינלעך געווען אינגאַנצן אַנדערש.)



סווינציאַן אַמאָל

**Yiddish Translating**

**האט איר אלטע דאקומענטן אדער בריוו און איר זוכט דאס צו איבערזעצן אויף ענגליש?**

לייזער מישולבין, א מומחה אויף אידיש און ענגליש, קען עס איבערטייטשן פאר אייך.

*yiddishtranslating.com*

- **Family Diaries and Letters**
- **Print and Longhand**

*Lazer Mishulovin*
(206) 888-8990
Info@yiddishtranslating.com